# שׂיחות הָראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת וישלח שנת תשפ"ב לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## רעדן צו קינדער

קצ) דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפרעגט א מלמד פון איינע פון די עלטערע כיתות פון תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב צי ער רעדט צו די קינדער פון קדושה, דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפרעגט דעם מלמד בפרטי פרטיות וואס און וויאזוי ער רעדט צו די קינדער איבער די וויכטיגסטע נושא פון קדושה, ביז עס איז אויסגעקומען אז דער מלמד האט איין פרט אויסגעלאזט, איין וויכטיגע ענין האט ער פארגעסן צו זאגן פאר די קינדער.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אפילו א מלמד וואס רעדט שוין צו די קינדער פון קדושה, דארף אויך אסאך בעטן דעם אייבערשטן די קינדער זאלן פארשטיין וואס ער זאגט, און אז די ווערטער זאל אריינגיין אין זייערע הערצער. עס זענען דא קינדער וואס כאפן גלייך דער ענין וואס מען רעדן, זיי פארשטייען אויך פרטים וואס דער מלמד האט נישט אויסגערעדט, דערנאך זענען דא קינדער וואס כאפן נישט דעם גאנצן נושא, זיי פארשטייען נישט אליין דעם פרט וואס דער מלמד האט אויסגעלאזט און זיי קענען דורך דעם דורכפאלן אין דעם ענין.

"דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל וויסן וויאזוי צו רעדן צו די קינדער פון קדושה, ווי אויך דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז די קינדער זאלן פארשטיין וואס מען רעדט און אז די ווערטער זאלן אריינגיין אין זייערע הערצער, און אז די קינדער זאלן אויפוואקסן ערליך, הייליג און אפגעהיטן".

## תאוות ממון

קצא) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט אויפהייבן זיינע הייליגע הענט און זאגן: "ברוך ה', איך בין **ריין** פון תאוות ממון"! זאגט אויף דעם דער ראש ישיבה שליט"א: "איך קען נישט זאגן איך בין **ריין** פון תאוות ממון, איך קען אבער יא זאגן בזכות מוהרא"ש: "ברוך ה', איך **ליג נישט** אין תאוות ממון".

## עפענען די הייליגע גמרא

קצב) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "עס איז געווען א תלמיד פון מוהרא"ש וואס פלעגט ארבעטן ביטער שווער צו ברענגען פרנסה, א שטיק צייט פלעגט ער ארבעטן אכצן! שעה א טאג, איז ער אריין צו מוהרא"ש און געזאגט, "ווי קען איך לערנען, איך האב קוים צייט צו אטעמען?", האט מוהרא"ש אים געזאגט: "זע צו עפענען דעם גמרא. יעדן טאג ווען דו קומסט אהיים, נעם ארויס דעם גרויסן גמרא פון שאנק, עפן דאס אויף, געב עס א קוש און לייג עס אוועק". זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "דאס איז א תחבולה (א טריק) פון מוהרא"ש, אז מען וועט יעדן טאג עפענען די הייליגע גמרא וועט מען שוין אויך לערנען עטליכע שורות".

## ביזנעס קלאס

קצג) דער ראש ישיבה שליט"א איז אמאל געזעסן ביי א סעודת מלוה מלכה מיט די בחורים און מען האט געשמועסט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן די בחורים, זיי זאלן דערציילן אלטע זאכן וואס זיי גערענקען פון ישיבה, שיחות וכדומה, האבן די בחורים דערמאנט שיינע שיחות וואס זיי האבן געהערט אין ישיבה. איין

בחור האט געזאגט: "דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "א איד דארף זיין באקוועם, א איד דארף פליען אין ביזנעס קלאס" (דאס האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט איין יאר נאך ראש השנה נאכ'ן צוריקקומען פון אומאן).

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אמת איך זאג א איד דארף זיין באקוועם, אבער פארגעס נישט איך זאג נאך עפעס, "א איד טאר נישט האבן קיין חובות"! אויב האט מען די געלט דערפאר איז זייער גוט צו זיין באקוועם, אבער אויב מען האט נישט, טאר מען נישט בארגן פאר איבעריגע באקוועמליכקייטן".

## בארגן געלט

קצד) איינער האט אמאל געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א 'וויפיל געלט ער זאל אויסגעבן ביי זיין זונ'ס בר מצוה'? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט קורץ: "אזויפיל וויפיל דו האסט"... דער ראש ישיבה שליט"א האט געמיינט צו זאגן 'וויבאלד דו האסט נישט קיין געלט זאלסטו נישט אויסגעבן קיין איין איבריג דאלער פאר דיין זונ'ס בר מצוה נאר דאס מאכן ביליג און פשוט אן אויסגעבן קיין געלט'.

## אומאן ראש השנה

קצה) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר ראש השנה תשפ"ב ווען די בחורים פון ישיבה זענען זיך געגאנגען וואקסינירן צו קענען זיין ראש השנה אין אומאן: "ר' נתן האט אמאל געזאגט: "אויב זאל מען אויסלייגן פיל נעגל אויף דעם גאנצן וועג פון מיין הויז ביז דעם רבינ'ס ציון אין אומאן, וואלט איך געקראכן אויף אלע

פיר און צעבלוטיגט און צעשטאכן געווארן, אבי צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער אן א פאספארט וואלט איך נישט געפארן", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "פאריאר האט מען נישט געקענט זיין אין אומאן ראש השנה ווייל די רעגירונג האט פארמאכט דעם גרעניץ, האט מען מקיים געווען וואס ר' נתן האט געזאגט "אן א פאספארט פארט מען נישט", אבער היי יאר איז מען מקיים וואס ר' נתן האט געזאגט, עס איז כדאי צו ווערן צעשטאכן צו קענען זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, מען גייט נעמען דעם וואקסין, מען כאפט דעם שטאך, צו קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה"...

## קויפן א הויז

קצו) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "מען דארף נישט קיין געלט צו קויפן א הויז, מען דארף נאר האבן א שטארקער ווילן". דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע אינגעלייט פון שטעטל קרית ברסלב ליבערטי וואס האבן געקויפט הייזער אן געלט נאר מיט ווילן.

## א קאלטע מקוה

קצז) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "עס איז געווען א ברסלב'ע חסיד וואס האט געוואלט גיין אין מקוה, די מקוה איז אבער געווען זייער קאלט, אבער ער האט געוואוסט ביי זיך 'איך מוז גיין אין מקוה יעדן טאג מיט מסירת נפש', ווייל דער רבי האט געזאגט[א]: דאס ערשטע תיקון איז מקוה", יענעם טאג אינדערפרי ..........

א. שיחות הר"ן סימן קמא

איז די מקוה געווען קאלט, עס איז געווען שווער זיך צו טובל'ן, האט דער ברסלב'ע חסיד אנגעהויבן רעדן צו זיך: "אויב דו טובל'סט זיך באקומסטו א טשאקאלאד... (דאס האט ער געזאגט צו זיך, צו פועל'ן ביי זיך אריינצוגיין אין מקוה אפילו די מקוה איז קאלט), דערנאך האט ער אריינגעלייגט די פוס אין מקוה און דאס גלייך דערנאך ארויסגענומען זאגנדיג: "איך קען נישט, עס איז צי קאלט". האט ער פרובירט נאכאמאל, "אויב דו טובל'סט זיך באקומסטו צוויי שטיקלעך טשאקאלאד"... דערנאך איז ער אריינגעטאנצן אין מקוה מיט מסירת נפש.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די מעשה מען זאל זיך דערפון ארויסלערנען א וויכטיגע נקודה; אמאל וויל א מענטש טון א זאך אין עבודת השם, אבער ער טראכט צו זיך 'דאס איז צי שווער', זאל דער מענטש זיך אליינס משחד זיין, טראכטן צו זיך 'אויב דו וועסט דאס טון וועל איך דיר באלוינען', דערנאך וועט שוין זיין גרינגער דאס צו טון.

## אזוי טוט מען???

קצח) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "א אינגערמאן א תלמיד היכל הקודש האט אמאל געגעבן א קונטרס פון מוהרא"ש פאר א צווייטן אינגערמאן וואס פלעגט דאווענען אינעם זעלבן בית המדרש, דער אינגערמאן האט זיך גלייך צעשריגן אויף דעם מפיץ: "אזוי שרייבט מען???!!!"... דער מפיץ האט גארנישט געענטפערט נאר ווייטער געגאנגען זיין וועג.

"א צייט שפעטער האט דער מפיץ גערעדט מיט מוהרא"ש, אזוי רעדנדיג האט דער אינגערמאן פארציילט פאר מוהרא"ש די מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט אין בית המדרש און וואס יענער האט

געשריגן. האט זיך מוהרא״ש אנגערופן צו דעם מפיץ: ״קומענדיגע מאל וואס יענער האלט דיר פאר אויף די קונטרסים ״אזוי שרייבט מען??״, זאלסטו אים צוריקפרעגן: ״און אזוי טוט מען???!!!״...

א צייט שפעטער האט דער אינגערמאן נאכאמאל אנגעטראפן יענעם און יענער האט אים נאכאמאל פארגעהאלטן און אנגעשריגן: ״אזוי שרייבט מען???!!!״, דער מפיץ האט זיך צו אים אנגערופן מיט א געלאסענעם קול און צוריקגעפרעגט: ״און אזוי טוט מען???!!״, דער ראש ישיבה שליט״א דערציילט: ״דער אינגערמאן איז געווארן ווייס ווי דער וואנט און איז ארויסגעלאפן פון בית המדרש מיט ביזי בזיונות, און פון דענסמאל אן, ווען יענער זעט נאר דעם מפיץ פון דער ווייטנס גייט ער גלייך אריבער די אנדערע זייט גאס כדי אים אויסצומיידן״.

דער ראש ישיבה שליט״א שרייבט איבער דעם[ב]: ״מוהרא״ש פלעגט זאגן: ״די אלע וואס מאכן ליצנות אויף צדיקים עס איז נאר ווייל די מענטשן זענען פגום בברית, אזוי ווי עס שטייט אין תהילים:[ג] שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ, ווען א מענטש רעדט אויף ערליכע אידן צדיקי אמת איז עס ווייל ״חִלֵּל בְּרִיתוֹ״, דער מענטש זינדיגט אין גראבע עבירות; אפילו פון אינדרויסן קען מען דאס נישט זען, פארקערט נאך, די וואס רעדן אויף צדיקי אמת זעען אויס פון אינדרויסן ווי כלומר'ישע פרומע מענטשן וכו', דאך זענען זיי פארפוילט פון אינעווייניג. חכמינו זכרונם לברכה זאגן:[ד] ״כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה״, ווער עס איז אן עזות פנים איז א סימן אז ער איז א בעל עבירה; ווי איז דא א גרעסערע עזות פנים ווי איינער וואס ווייגט זיך צו רעדן אויף צדיקי אמת!?״.

........................................

ב. עצתו אמונה לך תשפ״א

ג. נה, כא

ד. תענית ז:

## זינגען זמירות

קצט) אין די זומער וואכן ווען די בחורים וויילן אין קעמפ זינגט דער ראש ישיבה שליט״א מיט די בחורים פרייטאג צונאכט׳ס פאר קידוש די זמירות וואס מען זינגט פאר קידוש, שלום עליכם, רבון כל העולמים, און אזוי ווייטער, זאגט דער ראש ישיבה שליט״א יעדע וואך נאכאמאל: ״בחורים קומט זינגען זמירות שבת, אויב עטס ווילטס ענקערע קינדער זאלן בלייבן אידן מוז מען זינגען זמירות שבת, א שטוב וואו מען מאכט נישט קיין שבת׳דיגע סעודה מיט זמירות שבת ווערן די קינדער נישט בלייבן ביי אידישקייט״.

דער ראש ישיבה שליט״א זאגט: ״צו זינגען ביי א חתונה אדער א מסיבה דארף מען ׳קענען׳ זינגען, אבער צו זינגען ביי זיך אינדערהיים זמירות שבת דארף מען גארנישט קענען, אפילו איינער קען נישט זינגען האט דאס אלע טעמים״.

דער ראש ישיבה שליט״א דערציילט: ״איך האב אמאל געגעסן א שבת סעודה ביי א ברסלב׳ער חסיד, ער האט נישט געקענט זינגען, אלע זמירות האט ער אפגעזינגען אויפ׳ן זעלבן ניגון... אבער דאס האט געהאט אלע טעמים״...

דער ראש ישיבה שליט״א דערציילט דאס אונז צו מעורר זיין איבער די וויכטיגקייט פון זינגען זמירות שבת, ווייל דאס איז אן עיקר אין חסידות ברסלב, ווייל דער רבי האט אונז אסאך געווארנט מען זאל זינגען זמירות שבת[ה].

אמאל ביי שלש סעודות ווען מען האט געזינגען זמירות האט דער ראש ישיבה שליט״א באמערקט ווי איינער זיצט פון אונטן און

ה. ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳ סימן ק״ד, שיחות הר״ן סימן קנ״ה.

זינגט נישט מיט, יענער איז געזעסן מיט א ספר און געלערנט, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו אים: "פארוואס זיצסטו אזוי פון אונטן? דו זאלסט וויסן אז ווער עס זעצט זיך פון אונטן דא אויף דעם וועלט, וועט אויבן אין הימל אויך זיין פון אונטן. אז מען נעמט זיך צאם צו זינגען זמירות טאר מען זיך נישט אפטיילן פונעם גאנצן עולם, נאר זיך זעצן צוזאמען מיט'ן עולם און מיטזינגען".

## די שענסטע מתנה

ר) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "איך באקום כסדר אין די פאסט פעקלעך, וואס לויט די וואג פונעם פעקל ווייס איך שוין נאך איידער איך עפן דאס, וואס ליגט אינעווייניג; דארט ליגט א טעלעפאון וואס א מענטש האט צעבראכן, נאכ'ן נתעורר ווערן דורך די דרשות צו אוועקווארפן א טעלעפאון וואס מען קען אויף דעם קוקן שלעכטע זאכן וכו' וכו', זאגט אויף דעם דער ראש ישיבה שליט"א: "דאס זענען די שענסטע מתנות וואס איך באקום, איך ווער מורא'דיג מחוזק פון דעם זעענדיג אז די דרשות פועל'ן און טוט אויף".